בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ז

451

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**באראָ פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי קֶען מֶען גֶענוּג דַאנְקֶען אוֹיף דִי מוֹסְדוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי וָואךְ שַׁבָּת, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֵיינְט דִי בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] פוּן אַ מְנַהֵל וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגְן אַן אוּמְשׁוּלְדִיג זִיבְּן יֶערִיג קִינְד, הָאבְּן מִיר בֵּיידֶע גֶעוֵויינְט, אַז וֶוען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט אִין אַן אַנְדֶערֶע חֵדֶר וָואלְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה גֶעשֶׁען מִיט אוּנְזֶער זוּן, מִיר קֶענֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַזַא גוּטֶע פְּלַאץ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זֶענֶען צוּפְרִידְן פוּן דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט קִינְדֶער, מִיר זָאלְן נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וֶוען אַ אִיד הָאט צֶעשְׁנִיטְן אַ קְלֵיין קִינְד הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאלְטְן הֶסְפֵּדִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּמְט פַאר דֶעם, עֶס קוּמְט פַאר יֶענְץ, דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעגֶעבְּן אַ פְּלַאם פֵייעֶרְדִיגֶע הֶסְפֵּד אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל מֶען צֶעשְׁנַיידְט קִינְדֶער טָאג טֶעגְלִיךְ.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶל פוּן דִי הֶסְפֵּד וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעגֶעבְּן:

מִיר זֶענֶען אַלֶע צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד וָואס פַּארְרוּפְּט זִיךְ צוּ זַיין אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, עֶר הָאט עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג טֵייעֶר קִינְד אוּן אִים צֶעשְׁנִיטְן אוֹיף שְׁטִיקֶער; פַארְוָואס זָאלְן מִיר אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן דֶערְצִיטֶערְט אוּן צֶעטְרֵייסְלְט אַז קִינְדֶער וֶוערְן צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ אִין דִי חֲדָרִים אוּן שׁוּלֶעס דוּרְךְ מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס.

יֶעצְט הָאט מֶען לֵיידֶער צֶעשְׁנִיטְן דֶער קֶערְפֶּער פוּן אַ קִינְד, וָואס דָאס זֶעט יֶעדֶער מִיט דִי אוֹיגְן. לֵיידֶער זֶענֶען אָבֶער דָא מְלַמְדִים וָואס צֶעשְׁנֵיידְן קִינְדֶער יֶעדְן טָאג! מֶען קֶען דָאס טַאקֶע נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן, אִיךְ בִּין אָבֶער בִּכְלַל נִישְׁט מְגַזֵם; יָא, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי! מֶען הַרְגְ'ט קִינְדֶער! וֶוען אַ מְלַמֵד טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד, עֶר דֶערְנִידֶערְט אַ קִינְד, עֶר שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ קִינְד; וֶוערְט דָאס נֶפֶשׁ פוּנֶעם קִינְד צֶעשְׁנִיטְן, זַיין מֹחַ וֶוערְט צֶעשְׁנִיטְן, דָאס הַרְגְ'ט אִים אָפּ פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר בְּלַייבְּט אַ בַּעַל מוּם פַאר אַלֶע זַיינֶע יָארְן!

דָאס הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין קִינְדֶערְגַארְטְן, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי אַלֶף-בֵּית, עִבְרִי, בִּיז אַרוֹיף צוּ דִי בַּר מִצְוָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין יְשִׁיבָה. מֶען קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז אַ קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט אוּן וֶוערְט נָאכְנִישְׁט אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט וֶוען מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעשְׁנִיטְן וֶוען מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּ זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער. אַ מְלַמֵד וָואס טְשֶׁעפֶּעט אוּן שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ קִינְד, הָאט אִים מַמָּשׁ צֶעשְׁנִיטְן, גֶע'שָׁחְטְ'ן אוּן גֶע'הַרְגְ'ט!

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן דִי וֶועלְטְ'ס גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי, זֵיי מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶען עֶר לֶערְנֶען מִיט זֵיי, אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּן. עֶר קֶען נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דִי קִינְדֶער אוּן הַאקְן, שְׁלָאגְן אוּן זֶעצְן

פוּן אַלֶע זַייטְן, וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט אָפְּ׳הַרְגְ׳נֶען דִי קִינְדֶער פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ זָאג אַלֶעמָאל אַז אַ מְלַמֵד וָואס קֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט בַּיי זִיךְ, עֶר הַאקְט אוּן שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער, דַארְף עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי "סֶענִיטֶעישָׁאן" - צַאמְצוּנֶעמֶען דִי מִיסְט פוּן דִי גַאסְן... מֶען קֶען זֶען וִוי דִי גוֹיִם וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט דִי מִיסְט, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאקֶע אַרְבֶּעט, פוּן דִי מִיסְט קוּמְט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶער גֶערוּךְ, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אִין דִי זוּמֶער טֶעג וֶוען דִי גֶערוּךְ אִיז מַמָשׁ נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן, אוּן דִי אַרְבֶּעטֶער זֶענֶען בְּרוֹגֶז אַז זֵיי דַארְפְן טוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן זֵיי גֶעבְּן אוֹיס זֵייעֶר כַּעַס אוֹיף דִי מִיסְט קַאנֶעס [גַארְבִּיטְשׁ קֶענְס], זֵיי וַוארְפְן עֶס אַרוּם וִוי שְׁפִּילְצֵייג, עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, אוּן דֶערְנָאךְ קֶען מֶען גֵיין אַרַיינְרוּפְן זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף צוּרִיק...

דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער פַּאךְ וָואס אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד דַארְף צוּ טוּן... אוֹיב קֶען עֶר נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֶענְט בַּיי זִיךְ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַייְנְהַאלְטְן פוּן צוּ פְּרַאסְקֶען אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, זָאל עֶר גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶער כַּעַס אוֹיף דִי מִיסְט קַאנֶעס וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעפִילְן, עֶר זָאל וַוארְפְן דִי קַאנֶעס מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ, עֶס צֶעבְּרֶעכְן אוֹיף שְׁטִיקֶער, עֶר זָאל אָבֶּער נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן זַיין כַּעַס אוֹיף אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע וֶוערְן גֶע׳הַרְגְ׳ט אִינְגַאנְצְן דוּרְךְ דֶעם.

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט הֶסְפֵּדִים פוּן גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי דַרְשָׁנִים וֶועלְכֶע הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע, זֵיי לֵייגְן עֶס אָן אוֹיף דִי טֶעכְנָאלָאגְיֶע, אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאוּנְס אוּן דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס וָואס פִירְן אַרָאפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן וֶועג; אִיךְ ווִיל אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אַ קִינְד זָאל וֶועלְן נֶעמֶען דִי אַלֶע כֵּלִים? פַארְוָואס פֶעלְט אִים דָאס אוֹיס? פַארְוָואס דַארְף עֶר דָאס הָאבְּן בִּכְלָל?

דָאס אִיז דָאךְ נָאר דֶערְפַאר וַוייל זַיינֶע מְלַמְדִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד צוּ אִים, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ אִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט, צוּ

לֶערְנֶען מִיט אִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דַאן וָואלְט דָאס קִינְד בִּכְלַל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען זוּכְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אַנְשְׁטָאט דֶעם גֵייט דֶער מְלַמֵּד אוּן שְׁפֶּעט אָפּ פוּנֶעם קִינְד, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן שְׁלָאגְט אִים מִיט רְצִיחָה, אוּן דַאן פַארְלִירְט דָאס קִינְד זַיין גַאנְצֶער חֵשֶׁק צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ אִידִישְׁקֵייט, אוּן גֵייט זִיךְ זוּכְן גְלִיקְן אִין דִי פְּרֶעמְד.

אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶער מְלַמֵּד, וָואס וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אִים אָנְפַארְטְרוֹיעֶט טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן, וֶוען עֶר ווִיל אוֹיסְלֶערְנֶען אַלֶף-בֵּית פַּאר דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן מִיט זֵיי אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר וֶועט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג, אוּן מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג וֶועט עֶר זֵיי אוֹיסְשְׁטֶעלְן אַן "אַלֶף", אוּן דֶערְנָאךְ אַ "בֵּית", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וֶוען אֵיינֶער וֶועט אַרַיינְשְׁפַּאצִירְן אִין קְלַאס אוּן זֶען וִוי דֶער מְלַמֵּד זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, וֶועט עֶר מֵיינֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפּ פוּן זִינֶען. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דָאס קִינְד קוּמְט אַהֵיים, וֶועט עֶר וַוייזְן פַּאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן וִוי גוּט עֶר קֶען דִי "אַלֶף-בֵּית", עֶר וֶועט וַוייזְן מִיט זַיינֶע שְׁפִּילְצֵייג וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ מַאכְן דִי אוֹתִיּוֹת; דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, עֶר הָאט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵייעֶר שְׁטַאפְּל, אוּן מֶען זֶעט צוּם סוֹף וִוי זֵיי קֶענֶען זֵייעֶר גוּט וָואס עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט.

דֶער מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַּאר דִי קִינְדֶער, עֶר וַוייזְט זֵיי וִוי דֶער אוֹת "אַלֶף" אִיז וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטֵייט שִׁיף, עֶר הַאלְט אֵיין הַאנְט אוֹיף אַרוֹיף, צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיין הַאנְט אוֹיף אַרָאפּ, וָואס מִיט דֶעם גֶעבְּט עֶר פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער וֶוען דֶער קוּמֶענְדִיגֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער עִבְרִי, אוּן דֶערְנָאךְ לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי חוּמָשׁ, דֶער מְלַמֵּד הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַ פָּסוּק אָדֶער צְוֵויי חוּמָשׁ, מִיט גֶעדוּלְד דֶערְצֵיילְט עֶר קוֹדֶם פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס דִי פַּרְשָׁה אִיז, וָואס דִי תּוֹרָה לֶערְנְט מִיט אוּנְז דִי וָואךְ, אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אוּן מִיט דִי צַייט

גֵייט עֶר וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער חוּמָשׁ, דֶערְנָאךְ הֵייבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַבִּיסְל רַשִׁ״י, אוּן אַלֶעס מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן גֶעלַאסְנְקֵייט, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט אַ גוּטְן טַעַם אִין מוֹיל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נִישְׁט אַז דָאס זָאל זַיין בַּאגְלֵייט מִיט פֶּעטְשׁ, שְׁלֶעק אוּן בּוּשׁוֹת.

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד וָואס שְׁטָאלְפֶּערְט. אַ מְלַמֵּד מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֶועט נִישְׁט הֵייסְן פַאר אַזַא קִינְד צוּ זָאגְן הוֹיךְ דִי חוּמָשׁ, וַוייל דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן אִים אוֹיסְלַאכְן. זֶענֶען אָבֶער דָא רִשְׁעוּת׳דִיגֶע מְלַמְדִים וָואס וֶועלְן יָא הֵייסְן פַאר דֶעם קִינְד זָאגְן הוֹיךְ דִי חוּמָשׁ, דָאס קִינְד צִיטֶערְט פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן הֵייבְּט אָן שְׁטָאלְפֶּערְן בַּיי יֶעדְן אוֹת, אַלֶע קִינְדֶער לַאכְן אִים אוֹיס, אוּן דֶער מְלַמֵּד אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּפְרִידְן, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפֶּעטְן אוּן נָאכְמַאכְן דָאס קִינְד וִוי עֶר שְׁטָאלְפֶּערְט, אוּן שְׁרֵייט אִים נָאךְ אָן אַז עֶר זָאל זָאגְן שְׁנֶעלֶער; וָואס הָאט דֶער מְלַמֵּד יֶעצְט גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן צֶעשְׁנִיטְן דָאס קִינְד אוֹיף שְׁטִיקֶער! אוּן נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דֶעם! וַוייל וֶוען מֶען הַרְגֶ׳ט אַ קִינְד פִיזִישׁ, אִיז דָאס נָאר אַן אֵיינְמָאלִיגֶע זַאךְ; וֶוען מֶען הַרְגֶ׳ט אָבֶער אַ קִינְד גֵייסְטִישׁ, הָאט מֶען אִים גֶע׳הַרְגֶ׳ט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, עֶר וֶועט דָאס גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין הָאבְּן אַ גֶע׳הַרְגֶ׳טֶע לֶעבְּן!

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ קִינְד פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן אִים גֶעטְרוֹיעֶן אַז עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין? אַז מֶען נֶעמְט אוֹיף מְלַמְדִים אִין דִי וֶועלְט אַריין, מֶען קוּקְט נִישְׁט פַארְדֶעם צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר טוֹיג טַאקֶע זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד וֶועט נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוֶוען אוֹיף דִי קִינְדֶער? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד וֶועט נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן הַרְגֶ׳עֶנֶען דִי קִינְדֶער מִיט מַכּוֹת רֶצַח פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס וֶועט אִים נִישְׁט שְׁמֶעקְן?

*

אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע הֶסְפֵּד אָבֶער נָאךְ אֵיין שְׁטִיקְל וִויל אִיךְ עֶנְק אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען:

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִינְגְל אִין חֵדֶר, דֶער טַאטֶע פוּן

דֶעם אִינְגל זִיצְט דָא יֶעצְט בַּיים שִׁיעוּר. דֶער אִינְגְל אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם בַּיי דִי פִינְף יָאר, זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן יוּנְגֶערְהֵייט. אֵיין טָאג הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אֵייעֶר אִין חֵדֶר פַאר מִיטָאג, דָאס קְלֵיין אִינְגְל הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט עֶטְלִיכֶע אֵייעֶר אִין טַאשׁ, אוּן דֶער מְנַהֵל הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט.

מֶער הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט, דֶער מְנַהֵל אִיז אַרַיין אִין אַ ווִילְדֶע כַּעַס אַז דֶער אִינְגל הָאט גֶע׳גַנְבְ׳ט עֶטְלִיכֶע אֵייעֶר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁלָאגְן דֶעם קִינְד מַכּוֹת רֶצַח, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעפְּרַאסְקֶעט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, אַז דֶער מְלַמֵד פוּנֶעם אִינְגל הָאט דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דָאס קִינְד אִין דִי זַייט אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי אֵייעֶר, הָאט דֶער אִינְגל גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי שְׁנֵיי אוֹיפְ׳ן גַאס אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר קַאלְט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְלֵייגְן עֶטְלִיכֶע וַוארִימֶע אֵייעֶר אִין טַאשׁ זִיךְ אָנְצוּוַוארִימֶען מִיט דֶעם, עֶר הָאט נָאכְדֶעם גֶעוָואלְט צוּרִיקְלֵייגְן דִי אֵייעֶר.

יֶעצְט לָאמִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן דֶעם אִינְגְל אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט כַאפְּן דֶערְפַאר אַזֶעלְכֶע גֶע׳הַרְגְ׳טֶע שְׁלֶעק. קוֹדֶם הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט גַנְבְ׳עֶנֶען דִי אֵייעֶר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר גֶעוָואלְט אָנְוַוארִימֶען דֶערְמִיט פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט, וָואלְט וֶוען דֶער מְנַהֵל אִים גֶעדַארְפְט קוֹדֶם פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, אוּן דַאן וָואלְט עֶס שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה אִינְגַאנְצְן. צְוֵוייטְנְס, אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז עֶר הָאט יָא גֶעוָואלְט גַנְבְ׳עֶנֶען דִי אֵייעֶר, קוּמְט זִיךְ אִים פַאר דֶעם מַכּוֹת רֶצַח? לֶערְן אִים אוֹיס אוּן זָאג אִים אַז עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן נָאכְאַמָאל. אוּן דְרִיטְנְס, אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מְנַהֵל הַאלְט יָא אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אַ שְׁטְרָאף פַאר דֶעם אִינְגֶל, אִיז דָאךְ דָא גֶענוּג נָארְמַאלֶע שְׁטְרָאפְן אִים צוּ גֶעבְּן, עֶר קֶען אִים זָאגְן אַז מָארְגְן וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן בַּיי מִיטָאג, אָדֶער עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ; עֶס קוּמְט זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁלֶעק פַאר אַ קְלֵיין אִינְגְל וָואס הָאט גֶע׳גַנְבְ׳ט אַפָּאר אֵייעֶר.

אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ מְלַמֵד פוּן אַן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד

תּוֹרָה. דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז אֵיין טָאג בַּיי מִיטָאג אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעפֶערְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, מַמָשׁ גֶע'הַרְג'ֶט'עט קְלֶעפּ פַּאר אַ קְלֵיין אִינְגְל. דִי אִיבְּרִיגֶע מְלַמְדִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ זֶען וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, זָאגְט יֶענֶער מְלַמֵד אַז אַזוֹי וִוי דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הַאנְטוּכֶער אָפְּצוּאווִישְׁן דִי הֶענְט, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ בְּלָאזֶער וָואס בְּלָאזְט אַרוֹיס הֵייסֶע לוּפְט אוּן מִיט דֶעם טְרוּקֶנְט מֶען זִיךְ אָפּ דִי הֶענְט, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער אִינְגְל אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרֵיינְשְׁטוּפְּן אַן אֵיי אִין דִי מַאשִׁין, אוּן אַזוֹי צֶעבְּרֶעכְן דִי מַאשִׁין, אוּן דֶערִיבֶּער קוּמְט זִיךְ אִים גוּטֶע פֶּעטְשׁ.

יֶעצְט אִיז ווִידֶער דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, קוֹדֶם פְּרֶעג דֶעם קִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן אוּן פַּארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, אֵיידֶער דוּ מַאכְסְט אָפּ אַז עֶר הָאט זִיכֶער בְּמֵזִיד גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן דִי מַאשִׁין. דֶערְנָאךְ קוּק טַאקֶע אוֹיב דֶער מַאשִׁין אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן. אוּן אֲפִילוּ אוֹיב עֶר הָאט טַאקֶע בְּמֵזִיד צֶעבְּרָאכְן דִי מַאשִׁין, אִיז עֶר אוֹיךְ נִישְׁט מְחוּיָיב מִיתָה פַּאר דֶעם, רֶעד מִיט אִים אוּן לֶערְן אִים אוֹיס אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אוּן גֵיי בֶּעט פוּן זַיין טַאטְן צוּ בַּאצָאלְן דִי שָׁאדְן.

דֶערְוַוייל גֶעבְּט מֶען אַ קוּק אוֹיפְן מַאשִׁין אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, דָאס קִינְד שְׁטֵייט אִין דִי זַייט אוּן וֵויינְט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת פוּן יִסוּרִים, אוּן וֶוען מֶען פְּרֶעגְט אִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, זָאגְט עֶר אַז זַיין אֵיי אִיז פָּשׁוּט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶס אָפְּוַואשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר עֶס גֶעוָואלְט אוֹיסְטְרוּקֶענֶען בַּיי דֶעם מַאשִׁין. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער אִינְגְל הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטוּן - אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן - קַיין שׁוּם עַוְלָה.

דָאס קִינְד וֶועט אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶר וֶועט אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁלֶעק וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּמְזִיסְט. דֶער אִינְגְל הָאט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דֶעם מַאשִׁין, דֶער מְלַמֵד הָאט אָבֶּער יָא צֶעבְּרָאכְן דִי נֶפֶשׁ פוּן דֶעם קִינְד אוּן אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ בַּעַל מוּם אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַן אַנְדֶער אִינְגְל אִיז גֶעוֶוען נֶעבֶּעךְ אַ יָתוֹם פוּן זַיין מַאמֶע, זַיין טַאטֶע

הָאט גֶעדַארְפְט שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, שׁוֹין גָאר פְּרִי הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן הוֹיז צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם גְרֶעסְטְן אִינְגְל אַז עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער, עֶר זָאל זֵיי אָנְטוּן אוּן זֵיי שִׁיקְן אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערְן אוּן זִיכֶער פַאר אַ קִינְד, אוּן בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שָׁעָה שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר.

וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין אִין קְלַאס, אִיז דֶער מְלַמֵּד אִים מְקַבֵּל פָּנִים מִיט פֶּעטְשׁ אוּן פְרֶעסְק, אוּן שְׁרֵייט אוֹיף אִים: "פַארְוָואס בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט?" דֶער אִינְגְל וֵויינְט נֶעבֶּעךְ, עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין מַאמֶע, אוּן עֶר דַארְף טוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מַאמֶע יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. אוּן דֶער מְלַמֵּד שְׁרֵייט וַוייטֶער: "מָארְגְן זָאלְסְטוּ זִיכֶער מַאכְן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, וַוייל אוֹיב נִישְׁט וֶועסְטוּ עֶרְשְׁט כַאפְּן פוּן מַיין שְׁטֶעקְן!"

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער אִינְגְל וַוייטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגְן אַ וָוארְט פַאר'ן מְלַמֵּד, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אוּן גֶעכַאפְּט אָן אוֹיפְהֶער; הֵייסְט דָאס דֶען נִישְׁט צֶעשְׁנִיטְן אַ קִינְד?! קוֹדֶם פְרֶעג זִיךְ נָאךְ אוּן וֶוער גֶעוואוּיר וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד בִּכְלָל נִישְׁט שׁוּלְדִיג?

*

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מוֹהֲרָא"ש זָאל אוּנְז אַזוֹי מְחַזֵּק זַיין אַז מִיר זָאלְן אוֹיסְקְלוֹיבְּן מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען אוֹיפְבְּרֶענְגֶען גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## מֶעג מֶען אַזוֹי אָנְהַאקְן אַ קִינְד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוּן עֶס אִיז יֶעצְט פָּארְגֶעקוּמֶען אַ מַעֲשֶׂה אִין מַיין קְלַאס, אוּן אִיךְ ווִיל עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, אִינְמִיטְן קוּמְט דֶער מְנַהֵל אַרַיין צוּזַאמֶען מִיט אַ אִינְגְל פוּן דִי קְלַאס, עֶס שְׁפְּרִיצְט פַייעֶר פוּן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן נָאז, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס אַז דֶער אִינְגְל (פוּן זִיבְּן יָאר אַלְט) הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אֵיינֶעם אַז עֶר וֶועט אִים אָפְּהַאקְן דִי הֶענְט, ווִיל עֶר יֶעצְט וַוייזְן פַּאר יֶעדְן, אוּן טַאקֶע אוֹיף דֶעם אִינְגְלְ'ס הַאנְט, וָואס עֶס מֵיינְט אָפְּהַאקְן אַ הַאנְט.

עֶר גֶעבְּט אַ שְׁלֶעפּ דֶעם אִינְגְלְ'ס הַאנְט אוּן נֶעמְט זִיךְ הַאקְן ווִי מִיט אַ מֶעסֶער מִיט כַּעַס אוּן כֹּחַ, דֶער אִינְגְל הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אַזוֹי צוּ וֵויינֶען, אוּן עֶר אִיז נָאכְדֶעם נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן אוּן עֶר זָאגְט: "יֶעצְט גֶעבּ מִיר דַיין אַנְדֶערֶע הַאנְט", אוּן עֶר הַאקְט אַרַיין אִין דִי קְלֵיינֶע דַארֶע הֶענְטֶעלֶעךְ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק צוּם אַנְדֶערְן הַאנְט, אַזוֹינֶע זֶעצֶעס וָואס אֲפִילוּ פַּאר אַן עֶרְוַואקְסֶענֶעם וָואלְט עֶס שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אוֹיפְן מְנַהֵל, מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט קוּקְן אִין פְּנִים פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז אִין כַּעַס (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן תתשכ"ו).

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ מֶעג אַרוֹיסְוַוייזְן דַוְקָא אַן אָפֶענֶע אַהֲבָה צוּ דֶעם אִינְגְל, אֲפִילוּ וֶוען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן אַז אִיךְ גֶעבּ אִים מֶער פוּן יֶעדְן; מֶער קַארְטְלֶעךְ וְכַדוֹמֶה? אוּן וָואס דַארְף אִיךְ בִּכְלַל טוּן אִין אַזֶעלְכֶע צַייטְן, אִיךְ מֶעג דָאס דֶערְצֵיילְן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן? עֶס אִיז לֵיידֶער נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הַאלְט אַזוֹינְס מִיט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים בִּיז אַהֶער, עֶס גֶעבְּט מִיר אַ קְלָארְקֵייט אוּן אַ רוּאִיגְקֵייט אִינֶעם טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִּי שׁוֹידֶערְלִיכֶע בְּרִיוו.

אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ גֶעבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט פַאר דֶעם קִינְד, אוּן אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִּי עֶלְטֶערְן דִּי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט; דִּי עֶלְטֶערְן דַארְפְן ווִיסְן יֶעדֶע רִיר וָואס טוּט זִיךְ אִין חֶדֶר מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל דִּי סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת זֶענֶען גּוֹרֵם אַז דִּי יוּגְנְט גֵייט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, וַוייל אַנְשְׁטָאט מְחַנֵּךְ זַיין דִּי קִינְדֶער - טוּט מֶען זֵיי צֶערַייסְן זֵייעֶר נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה.

בַּיי אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט, וֶוען אַ קִינְד קוּמְט דֶערְצֵיילְן פַארְן מְנַהֵל אַז אַ צְוֵוייטֶע קִינְד הָאט אִים דֶערְשְׁרָאקְן אַז עֶר גֵייט אִים אָפְּהַאקְן דִּי הֶענְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - דַארְף דֶער מְנַהֵל עֶרְשְׁט בַּארוּאִיגְן דֶעם קִינְד, אִים זָאגְן: "קֵיינֶער הַאקְט נִישְׁט אָפּ קֵיין הֶענְט, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן מִיט אַ צֶעלָאזְטֶע שְׁפְּרַאךְ, יֶעדֶע וָוארְט אִיז 'אִיךְ גֵיי דִיךְ הַרְגֶ'עֶנֶען, אִיךְ גֵיי דִיךְ בַּא'מַקְלֶ'עֶן דִּי בֵּיינֶער וְכוּ'', מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן"; אוּן דֶער מְנַהֵל דַארְף נֶעמֶען דֶעם אַנְדֶערְן קִינְד אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִּי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען: "פַארְוָואס סְטְרַאשֶׁעסְטוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער? פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַ פַּחַד? אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט דִיךְ בַּא'עַוְלָה'ט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי", אוּן אַז מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד טוּט וַוייטֶער דִּי זַאכְן - גֶעבְּט מֶען אִים אַ קְנַס, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן בַּיי הַפְסָקָה וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם טוּן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין חִינוּךְ, דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִּי קִינְדֶער, קוּק אוֹיף דִּי קִינְדֶער ווִי זֵיי זֶענֶען דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, קוּק אוֹיף זֵיי מִיט רַחְמָנוּת. דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ"; מוֹהַרְנַ"ת... מוֹהַרָא"ש זָאגְט פְּשַׁט, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁבַח, אַז מֶען זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: 'דַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַזוֹי ווִי דַיינֶע

קִינְדֶער׳, נָאר דָאס אִיז אַ הִתְחַיְּיבוּת, מֶען פַּארְלַאנְגְט פוּן אִים עֶר זָאל צוּגֵיין צוּם קִינְד אוּן טְרַאכְטְן: ׳דָאס אִיז מַיין קִינְד, אוּן אַז מַיין קִינְד פִּירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט רִיכְטִיג וָואלְט אִיךְ אִים צֶעבְּרָאכְן זַיינֶע הֶענְט?׳ וֶוער וָואלְט אַזוֹינְס גֶעטוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער?!

גֶעבּ דֶעם קִינְד אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט, וֶועט זַיין נֶפֶשׁ פַּארְהֵיילְט וֶוערְן; גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל, וֶועט מֶען קֶענֶען רַאטֶעוֶועט זַיין עָתִיד. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פְלֶעגְט עֶר גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער, עֶר פְלֶעגְט זֵיי קוּשְׁן אוּן לִיבּ הָאבְּן, אוּן דִי חִידוּשׁ אִיז, אַז נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּ צוּם סִיסְטֶעם הָאט עֶר גֶעקוּשְׁט אוּן לִיבּ גֶעהַאט, דִי חִידוּשׁ אִיז אַז עֶר הָאט גֶעקוּשְׁט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אוֹיסְגֶעהֵיילְט זֵייעֶר נֶפֶשׁ אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

[...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אִין שׁוּל קוּמְט מֶען אָנְגֶעטוּן מֶער אֵיידְל אוּן מֶער הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

פַארְוָואס מַאכְט אִיר אַוֶועק דִי שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס מִיר פִירְן אַיין אִין דִי קְהִילָּה אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט אַ צוּגֶעדֶעקְטֶע שֵׁייטְל? אִיר זָאגְט אַז עֶס זֶעט אוֹיס וִוי קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִצְוָה קִינְדֶערְלֶעךְ, מֶען שְׁפִּילְט אַ שְׁפִּיל פוּן גֵיין אֵיידְל וְכוּ׳.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִין שׁוּל קוּמְט מֶען אָנְגֶעטוּן מֶער אֵיידְל אוּן מֶער הֵיילִיג; אוּן אַז מֶען קוּמְט אִינֶעם בֵּית הַשֵּׁם, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הוֹיז - דֶעקְט מֶען זִיךְ צוּ, מֶען מַאכְט זִיךְ מֶער אֵיידְל? אַזוֹי וִוי בַּיי דִי מֶענֶער שׁוּל קוּמֶען אַלֶע אֵיידְל, מֶען קוּמְט אָנְגֶעטוּן, אוּן אֲפִילוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג גֵייעֶן נִישְׁט אַלֶע אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, דָאךְ קוּמֶען אַלֶע אִין שׁוּל דַאוֶנֶען מִיט הַכְנָעָה, אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען זָאל קוּמֶען אִין שׁוּל צוּגֶעדֶעקְט?!

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל צוּ אֵיידְלְקֵייט, אוּן זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת - וֶועט אִיר וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סב:): ״צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בְּךָ הִיא חָסָה עָלֶיךָ״, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן פַּיינְט וָואס וִוילְן

הַרְגְ'עֶנֶען; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ו): "בִּזְמַן שֶׁהִיא צְנוּעָה בְּתוֹךְ הַבַּיִת, כְּשֵׁם שֶׁהַמִּזְבֵּחַ מְכַפֵּר, כָּךְ הִיא מְכַפֶּרֶת עַל בֵּיתָהּ", וֶוען דִי פְּרוֹי פִירְט זִיךְ אֵיידֶל אוֹיךְ אִין שְׁטוּב, אִיז זִי אַזוֹי וִוי דִי מִזְבֵּחַ; אַזוֹי וִוי דֶער מִזְבֵּחַ אִיז מְכַפֵּר אוֹיף עֲבֵירוֹת, טוּט דִי פְּרוֹי מְכַפֵּר זַיין אוֹיף אַלֶעס, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַרֵיינְגֵיין אִין כּוֹלֵל, אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת; מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר זֵייעֶר פְרֵייעֶן".

בְּנוֹגֵעַ אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט אוּן זִיךְ אַרֵיינְזֶעצְן אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען; נֶעם דִי כְּלָל פוּן 'תָּפַשְׂתָּ מְרוּבֶּה לֹא תָּפַשְׂתָּ, תָּפַשְׂתָּ מִיעוּט תָּפַשְׂתָּ' (סוּכָּה ה.); פְּרוּבִּיר שְׁטַייטְלִיךְ, אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, זוּנְטָאג וֶוען מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין כּוֹלֵל. רֶעד צוּם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ חַבְרוּתָא, הֵייבּ אָן מִיט אַ הַאלְבֶּע טָאג, פוּן צֶען בִּיז דְרַיי אַזֵייגֶער, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר הַכּוֹלֵל פוּן צֶען אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי בִּיז זֶעקְס אַזֵייגֶער אָוֶונְט, זִיבְּן שָׁעָה מִיט אַ קְלֵיינֶע הַפְסָקָה, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט אַזוֹי אָנְהַאלְטְן אַפָּאר חֲדָשִׁים וֶועט מֶען גֵיין אוֹיף נָאךְ אַ טָאג, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף נָאךְ אַ טָאג, אָבֶּער נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זַיין 'לֹא תָּפַשְׂתָּ', וַוייל וֶוען מֶען וִויל טוּן אַסַאךְ - טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַבִּיסְל - דֶעמָאלְט קוּמְט

מֶען אָן צוּ טוּן אַסַאךְ; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן אַ נֵייעֶם דֶערְהֶער, 'מְעַט גַּם כֵּן טוֹב', אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, אוּן דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט טוּן זֵייעֶר אַסַאךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## צְוֵויי דְרַיי מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ד' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

מַזָל טוֹב פַאר עֶנְקֶער חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גֵיין צוּ עֶנְקֶער חֲתוּנָה, אִיךְ וִוינְטְשׁ עֶנְק אַ בְּרָכָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אָמֵן.

לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט עֶנְק גֶעמַאכְט, עֶנְק הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹי שֵׁיין, זָאלְן עֶנְק נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ יֶעדְן טָאג פַאר צְוֵויי דְרַיי מִינוּט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל מוֹהַרְנַ"תְּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְט עֶר: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער" וְכוּ', זָאגְט מֶען אִין הִימְל: "קוּקְט דֶעם אִיד וָואס הָאט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט צָרוֹת וְיִסּוּרִים, אוּן דָאךְ דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אִים גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס", וַוייל דוּרְךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעט מֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, מֶען זֶעט אָפֶּענֶע נִסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי שְׁכִינָה רוּט וואוּ מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶר מַאן אִין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ אִים פָארְגֶעהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן וְכוּ׳, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין אַז עֶר וִויל זַיין גוּט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶוען וְכוּ׳, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט, וַוייל אִיר צֵיילְט נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט קַיין אֵיין וָוארְט שְׁלֶעכְט אוֹיף אַייךְ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְנִידֶערְט אִין שְׁטוּבּ, עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז שֶׁלֹּא בְּכַוָּונָה אָבֶּער דָאס אִיז דִי פַאקְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, דִי שְׁכִינָה רוּט דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא הַכְנָעָה, דָארְט וִוי מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן; אַז דֶער מַאן אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, אוּן דִי וַוייבּ רֶעדְט מִיט הַכְנָעָה אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּם מַאן - דָארְט רוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס וֶוערְט נִיסִים, אֲפִילוּ דִי טֶבַע קֶען זִיךְ טוֹישְׁן; אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא כא.) אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען נִיסִים, דִי קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּלַאץ צוּ הַאלְטְן דִי אָרוֹן, אוּן דָאךְ אִיז דִי אָרוֹן דָארְט גֶעלִיגְן; דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ וואוּ מֶען בֵּייגְט אַיין דִי קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט הַכְנָעָה - ׳אֲנִי אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא׳, רוּט דָארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (עַיֵּין סוֹטָה ה.).

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי נְסִיעָה פוּן אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אָן אַ מוֹרֶה דֶּרֶךְ, בְּלָאנְזְשֶׁעט מֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעלָם גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דוּ בִּיסְט אִין אוּמַאן, ווייל עֶרֶב יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעזֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעטְרָאפְן בַּיים אַהֵיים פָארְן און דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען מִיט מִשְׁפָּחָה וְכוּ'; עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַ צִיפּ אִין הַארְץ.

אַ שָׁאד אַז גַאנְץ יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט אוּנְזֶער חַבּוּרָה, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים; וָואלְסְט זִיכֶער בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוֹיף זַיין גוּט, און אוֹיף ווֶעלְן זַיין גוּט, און אוֹיף וֶועלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יִרְאַת שָׁמַיִם הָאסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט בַּיי דַיינֶע קְרוֹבִים, אַ שָׁאד אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט לֵיצָנוּת און דְבָרִים בְּטֵלִים. אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַז עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ וֵויי גֶעטוּן, דַיין טַאטֶע און דַיין שְׁוֶוער בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז, און זֵיי וִוילְן נָאר זֶען בַּיי דִיר נַחַת; אַ שָׁאד אַ שָׁאד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְן שֵׂכֶל, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן נַארִישֶׁע זַאכְן אִין לֶעבְן, און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶער אִיד וָואס זָאל דִיךְ בַּאגְלֵייטְן און ווייזְן דִי וֶועג, און דוּ זָאלְסְט אִים פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ, ווייל מֶען מוּז הָאבְן אִין לֶעבְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ בְּלָאנְזְשֶׁעט מֶען, אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג און וָואס נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי שְׁפְּרַאךְ אִין דִי מוֹסְדוֹת זָאל זַיין נָאר אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד יוֹאֵל לֶעוּוִי נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן נֶעכְטְן בַּאקוּמֶען נָאכְאַמָאל פוּן דִי חֲלוּקָה פוּן ׳קֶרֶן הַצָּלָה׳, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער הָאט מְיַיסֵד גֶעוֶוען, צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען קֶענֶען הֶעלְפְן דִי מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּאקוּמֶען זֵייעֶר גֶעהַאלְט אוֹיף יוֹם טוֹב.

אִיךְ וִויל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם עֶפֶענֶען אַ וַעַד הַחִינוּךְ פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס וֶועלְן זַיין גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַריינְנֶעמֶען מִשְׁפָּחוֹת בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אִין אוּמַאן אַפָּאר לִיכְטִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן זַיין אַ חֵלֶק אִין קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר טַייעֶרֶע בָּחוּרִים וָואס ווִילְן אַריינְקוּמֶען אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ וִויל עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁטֶעלְט אַ וַעַד פוּן דְרַיי אָדֶער פִינְף אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי וֶועלְן זַיין גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי זַאךְ, (מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי שְׁפְּרַאךְ אִין דִי מוֹסָד זָאל בְּלַייבְּן אִידִישׁ, אִיךְ וִויל נִישְׁט מֶען זָאל רֶעדְן בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן הֶעבְּרֶעאִישׁ; דַארְף מֶען זֶען וָואס מֶען טוּט אַז עֶס וֶועלְן קוּמֶען אוֹיף אֵיין מָאל אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס קֶענֶען נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, אַז דִי מוֹסָד זָאל בְּלַייבְּן אַ מוֹסָד וָואס מֶען רֶעדְט אִידִישׁ; סַיי בַּיים פָּארְלֶערְנֶען אוּן סַיי דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ).

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען אַז דִי יְשִׁיבָה זָאל זַיין אִין אַ נָארְמַאלֶע פְּלַאץ, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס עֶנְק הָאבְּן גֶעטוּן מִיטְן בְּרֶענְגֶען דִי יְשִׁיבָה קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ אִין אַ פְּלַאץ אָן קַיין בֵּית הַכִּסֵּא, אַ קְלֵיינֶע שְׁטוּב וָואס אִיז נִישְׁט רָאוּי לַיְשִׁיבָה, נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי יְשִׁיבָה קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ; ווִי קֶען זַיין אַ יְשִׁיבָה אָן קַיין בֵּית הַכִּסֵּא, אָן קַיין

פְלַאץ וואו צו עֶסְן וְכוּ׳?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זיך פַארְלֵייגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת; מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועןן בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר זֵייעֶר פְרֵייעֶן״.

זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין שְׁטוּב, נָאר אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל מִיט שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בִּין מְקַצֵּר דִי בְּרִיוו, אִיךְ בִּין נָאךְ אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אוֹיסְהֶערְן דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים פוּנֶעם קִינְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּחָדִים וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין אַייעֶר קִינְד; עֶס אִיז

זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אִיר אַלְס מַאמֶע זָאלְט יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט אִים עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַזוֹי וֶועט עֶס אִים וֶוערְן גְרִינְגֶער, בִּיז עֶס וֶועט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אִיר זָאלְט אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים, אוּן אִים בַּארוּאִיגְן אַז דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים וְכַדּוֹמֶה - דָאס אִיז וָואס אַסַאךְ הָאבְּן, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט; עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין. וַוייל דֶער פַּחַד אַלֵיינְס אִיז אֵיין שְׁוֶועריקֵייט, מִיט דֶעם וָואלְט מֶען נָאךְ גֶעקֶענְט אָנְגֵיין, אָבֶּער דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק, וָואס הֵייבְּט אָן פַּייניגְן דֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס אִיז מִיט מִיר גֶעשֶׁעְן אַז אִיךְ הָאב פְּחָדִים, אִיךְ בִּין נָארְמַאל? אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע? וֶועל אִיךְ אֵיין טָאג וֶוערְן אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע? אִיךְ בִּין אַ נֶערְוֶועזְן קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ'; דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ, דִי מַחֲשָׁבוֹת לֵייגְט צוּגְרוּנְד דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִיר זָאלְט אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן בַּארוּאִיגְן.

אִיךְ הָאב אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים וְכוּ', וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (צֶעטִיל קָטָן, סְעִיף יג), אַז דָאס דֶערְצֵיילְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת (נֶערְוֶועזְן מַחֲשָׁבוֹת) פַּאר אַ נָאנְטֶער חָבֵר - הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אוּן הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר מִיט אַלֶעס גוּטְס.

...

## מַאךְ אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיין מַאמֶע אִין גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**הָרַב ... שְׁלִיטָ"א, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אִין אוּמַאן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, אוּן מִיט דֶעם וֶועט דַיין מַאמֶע׳ס נְשָׁמָה גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אוֹיבְן אִין הִימְל; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּעֶן מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ, דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו, אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט פַאר דִיר; דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס לַיידְט פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ זֶע בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלִירְן זֵייעֶר בַּאלִיבְּטֶער טַאטֶע אָדֶער בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע, וְוי זֵיי הֵייבְּן אָן לַיידְן שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳: ׳אִיךְ הָאבּ גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז מַיין מַאמֶע אָדֶער טַאטֶע זָאלְן שְׁטַארְבְּן וְכוּ׳; קְלַאפּ אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי נַארִישֶׁע זַאךְ אַז דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דַיין מַאמֶע זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דִי מַחֲשָׁבָה אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא וָואס ווִילְן דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן אוּן דִיךְ אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט; דָאס אִיז לִיגְנְט, דוּ הָאסְט נִישְׁט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דַיין מַאמֶע זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דַיין מַאמֶע אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִין דִי רֶגַע וָואס זִי הָאט גֶעדַארְפְט אַוֶועק גֵיין, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מֶער קַיין אֵיין רֶגַע צוּ לֶעבְן.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיין מַאמֶע אִין גַן עֵדֶן. דַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען אַ צַדֶיקֶת, זִי הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר תּוֹרָה, זִי הָאט אַלֶעס גֶעטוּן אַז אִיר שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שְׁטוּבּ פוּן תּוֹרָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט דַאוֶונֶען מִיט שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן טוּן אַלֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה - וֶועסְטוּ אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ זֶען דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס דוּ בִּיסְט מְחַדֵּשׁ מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס בְּלָאזְט אַרַיין חִיוּת אִין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אַז אֲפִילוּ אַ 'צִיפּוֹר שֶׁמָּרְדָה', אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז פַּארבְּלָאנְזְשֶׁעט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - "כֹּל הֵיכָא דְאִיתֵיהּ בְּבֵי גַוָּא דְרַחֲמָנָא אִיתֵיהּ דִכְתִיב (תְּהִלִּים כד, א): 'לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ'" (חוּלִין קלט.), אִיז מֶען נָאכְאַלְץ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ צוּרִיק קֶערְן, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין 'הַפָּצָה', גֵיי הֲפָצָה בַּיי דִי פְּרוּמֶע שְׁטִיבֶּער, גֵיי הֲפָצָה צוּ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן בַּחוּרֵי יְשִׁיבָה; בַּיי עֶנְק אִיז דָא אַסַאךְ מְפִיצִים וָואס גֵיין צוּ דִי נִישְׁט פְּרוּמֶע גֶעגְנְטֶער, מִיר דַארְפְן מְפִיצִים בַּיי דִי פְרוּמֶע; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, מֶען מֵיינְט אַז מֶען דַארף גֵיין הֲפָצָה נָאר בַּיי דִי וָואס מֶען הָאט נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן אוֹיסְגֶע'שְׁמַד'ט רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין קִירוּב קְרוֹבִים, דִי הֵיימִישֶׁע צִיבּוּר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דִי בִּילְד פוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, מֶען אִיז אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף חִיזוּק, חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה; זָאלְסְטוּ גֵיין דַוְקָא אִין כּוֹלְלִים, אִין יְשִׁיבוֹת אוּן אִין שׁוּלְן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵּק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בְּעִיקָר דִי בָּחוּרִים אוּן דִי אַבְרֵכִים - זֵיי זָאלְן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט אִין יְשִׁיבָה אוּן זִיכֶער דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר פַאר אִינְגֶעלַייט; עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן פְרִישׁ, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אַלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## חַזֶר'ן אֱמוּנָה און לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָה**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און דוּ בִּיסְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פון אוּמַאן מִיט אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט, הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי נִישְׁט גוּטֶע כֵּלִים און זִיךְ גֶעקוֹיפְט כָּשֵׁר'ע כֵּלִים.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין חַזֶר'ן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק א, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין דִי אֱמוּנָה, חַזֶר אֱמוּנָה, און לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חוּלִין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער - אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פון פָארְאוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער; פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, גֶעזוּנְט - אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וֶועט דִיר דַיין לֶעבְּן וֶוערְן לִיכְטִיג זִיס און גֶעשְׁמַאק, וַוייל מִיט אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שֵׁיין אַלֶעס; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה - גֵייט אִים אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן און קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט אִין דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה וֶוען מִיר שְׁרַייעֶן 'הַמֶּלֶךְ' דַארְף מֶען פון פְרִישׁ חַזֶר'ן אֱמוּנָה און לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; וָואס מֵיינְט אֱמוּנָה? פָּשׁוּט גְלֵייבְּן

אָן קַיין חֲקִירוֹת אָן קַיין חָכְמוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג):
"אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט,
"וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה,
"וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן
קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים
מַאֲמִינִים", נָאר אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ סְקוּל מִיט נְשָׁמָה אוּן הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', סֶעקְרִיטֶערִי בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין אוּנְזֶער סְקוּל בֵּית פֵּיגָא, אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן דִי סֶעקְרִיטֶערִי אִין סְקוּל; שׁוֹין אַלֶע יָארְן וָואס אִיר הֶעלְפְט דִי קְהִלָּה מִיט דִי חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אוּן מִיט דִי קִימְפֶּעטָארִין הֵיים אוּן מִיט דִי פְרוֹיעֶן פַארֵאיין וְכוּ', אוּן יֶעצְט הָאט אִיר גֶענוּמֶען נָאךְ אַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ, צוּ הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא סְקוּל; וִויסְן זָאלְט אִיר אַז דִי סְקוּל אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן זֵייעֶר צוּם הַארְץ, עֶס אִיז מִיר דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ אִין דִי קְהִלָּה, אוּן דֶערִיבֶּער אוֹיב אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִי סְקוּל - נֶעם אִיךְ דָאס זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ, מֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִין דִי קְהִלָּה, אוּן מִידָּה טוֹבָה מְרוּבָּה, וֶוער עֶס הֶעלְפְט דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא - בִּין אִיךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז אִיר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת, אַז זִי זָאל הָאבְּן צַייט צוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן צוּ דִי טִיטְשֶׁערְס, וַוייל דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר אִיז גֶעפַאלְן אַלֶע אַרְבֶּעט אוֹיף אִיר; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זֶענְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין סְקוּל אוּן אִיר הָאט

איִבֶּערְגֶענוּמֶען אַלֶע טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן אַז דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ זָאל הָאבְּן צַייט, קָאפּ און מֹחַ - פַאר דִי תַּלְמִידוֹת און פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

רֶעדְט צוּ מָרַת ... תְּחִיֶ׳, אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן אַ לוּחַ פַאר דִי סְקוּל פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן ווִיסְן וֶוען עֶס וֶועט זַיין סְקוּל און וֶוען נִישְׁט, ווַייל מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער, אַפּוֹינְטְמֶענְטְס; אַזוֹי ווֵייסְט מֶען וֶוען דָאס צוּ טוּן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס טִיטְשֶׁערְס הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט, אוֹיבּ מֶען זָאל מַאכְן אַ תַּקָּנָה אִין בֵּית פֵיגָא אַזוֹי ווִי אִין אַנְדֶערֶע סְקוּלְס, אַז אוֹיבּ אַ מֵיידְל גֵייט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אַרַיין אִין כִּיתָּה נָאךְ הַפְּסָקָה, אַז דָאס פַּאסִירְט טָאג נָאךְ טָאג - קֶען זִי נִישְׁט קוּמֶען אִין סְקוּל פַאר כַּךְ וְכַךְ טֶעג וְכוּ׳; אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין חָסִיד פוּן דֶעם, אִיךְ ווִיל מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן מִיט יֶעדֶע קִינְד עַל פִּי דַרְכּוֹ, דִי סָארְט רוּל׳ס נֶעמְט אַוֶועק דִי נְשָׁמָה און דִי הַארְץ פוּן דִי סְקוּל צוּ דִי קִינְדֶער; אַוַדַאי טָאר נִישְׁט זַיין הֶפְקֵירוּת, עֶס דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין נָאךְ רִיסֶעס און נָאךְ לָאנְטְשׁ אִין קְלַאס צַייטְלִיךְ, אַזוֹי מוּז זַיין; מֶען דַארְף דָאס אַוֶועק שְׁטֶעלְן מִיט אַ פְּרָאגְרַאם אַז אַלֶע וָואס הַאלְטְן דִי זְמַנִּים וֶועלְן בַּאלוֹינְט וֶוערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, נִישְׁט מִיט אַהֵיים שִׁיקְן.

בְּנוֹגֵעַ אַז קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן סְקוּל מַאכְן אַ גְרָאסֶערִי אָרְדֶער פַאר דִי מַאמֶע; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט מֶען זָאל לָאזְן קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן סְקוּל.

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן שְׁלִיסְלֶעךְ פַאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס פוּנֶעם בִּנְיָן, יֶעדֶער זָאל קֶענֶען קוּמֶען וֶוען מֶען ווִיל; אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז רִיכְטִיג, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שְׁלִיסְל, און וֶוען אִיךְ קוּם אִין בֵּית פֵיגָא קְלִינְג אִיךְ דִי בֶּעל, אַמָאל עֶנְטְפֶערְט מֶען גְלַייךְ און אַמָאל ווַארְט אִיךְ אַפָּאר מִינוּט; אִיךְ מֵיין מֶען זָאל עֶס אַזוֹי לָאזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## ווִי גוּט אוּן ווִי וואוּיל צוּ לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶועְן נַייעֶ טִישְׁן אוּן בֶּענְקְלֶעךְ פַאר דִי חֶדֶר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי וֶוערְד פוּן טוֹיזְנְטֶער שְׁקָלִים; אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יִיַּשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִלָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

שְׁטַארְק דִיךְ זֵייעֶר מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן ווִי גוּט וֶועט זַיין אוּן ווִי וואוּיל וֶועט דִיר זַיין - אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "וְאִם אֶפְשָׁר שֶׁיַּשְׁלִים ח"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, "נֶגֶד ח"י עוֹלָמוֹת מַה טוֹב וּמַה נָעִים", אַנְטְקֶעגְן דִי אַכְצְן וֶועלְטְן, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זֵיי, "כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד קֵל חַי", ווַייל מִיטְן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָּה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָּה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "גַּם סְגוּלָּה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָּה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

הֶער נִישְׁט אוֹיס וָואס דִי לֵצִים זָאגְן, קוּק נִישְׁט אוֹיף זֵיי, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט זֶען וֶוער אִיז דֶער חוֹזֵק, דִי וֶועלְט זָאגְט: "לַאכְן לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף"; וֶוען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת וֶועט קוּמֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי נְשָׁמָה - דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען וָואס אִיז דֶער חִילּוּק צְווִישְׁן דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה אוּן צְווִישְׁן דִי לֵצִים.

מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אַזוֹי זִיס אוּנְז שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ, וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיב בִּיסְטוּ קְלוּג -

בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, אוּן אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ נָאר פַאר דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת; דֶער וָואס אִיז קְלוּג, עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס צַדִיקִים זָאגְן - וֶועט עֶר אַלֵיינְס הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם, אוּן דֶער וָואס מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי רֵייד פוּן צַדִיקִים - שְׁפֶּעט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס.

אִיךְ בִּין נָאךְ אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַז מֶען זָארְגְט פַאר דִי כְּלַל, וֶוערְט מֶען בַּאפְרֵייט פוּן אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**שַׁבְּתַי מִזְרַחִי נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

יֶעצְט וֶוען דִי שְׁטָאט הֵייבְּט זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אָן אַרֵיינְצוּמִישְׁן אִין דִי חִינוּךְ, זֵיי ווִילְן זֶען דִי בְּחִינוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז נִישְׁט - וֶועלְן זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן דִי גֶעלְט; אִיךְ מֵיין אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָנְהֵייבְּן הִיטְן פוּן זֵיי, אוּן נִיצְן דִי וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט פַארְן בִּין: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין הָאנִיג אוּן נִישְׁט דַיין שְׁטֶעךְ".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי מוֹסָד מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן נִישְׁט זִינְקֶען אִין קַיין חוֹבוֹת.

גֶעדֶענְק, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ג, ה): "כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה", וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי עוֹל פוּן לֶערְנֶען, אָדֶער דִי עוֹל פוּן אַ חֵדֶר, אַ יְשִׁיבָה, אַ כּוֹלֵל, עֶר זָארְגְט אַז דִי מוֹסָד זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין, עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דִי פְּרֶעשׁוּר - "מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ" נֶעמְט מֶען אַוֶועק פוּן אִים דִי פְּרֶעשׁוּר וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין דִי אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס; אַז מֶען

זָארְגְט פַאר דִי כְּלַל, מֶען טוט פַאר מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה - וֶוערְט מֶען בַּאפְרֵייט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין דִי אֵייגֶענֶע גֶעשֶׁעפְטֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**הֶערְן דִי דְּרָשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן, וֶועט מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**הֶענִיךְ אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר**

בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה ווִיל אִיךְ דִיךְ דַאנְקֶען פַארְן אַהֶער שְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גוּט, דִי סְעוּדוֹת, דִי רֵיינֶע הֵייסֶע מִקְוֶה, דִי צִימֶערְן; אַלֶעס הָאט גֶעקְלַאפְּט אַזוֹי גוּט, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, אוּן אַלֶע וֵוייסְן אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט ווִיפִיל פְּלָאג אוּן מִי דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דִי גַאנְצֶע יָאר יֶעדְן טָאג פוּן יָאר, אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַזַא שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הֶערְן שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, סַיי דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי בָּחוּרִים, סַיי דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״; עֶס קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, מִיט ׳יֶעדֶע׳ שִׂיחָה, מֶען דַארְף הֶערְן אַלֶע שִׂיחוֹת, נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין שִׂיחָה; אַז מֶען הֶערְט יֶעדֶע שִׂיחָה, יֶעדֶע שְׁמוּעֶס, יֶעדֶע דְּרָשָׁה - קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אַלֶע זָאלְן הֶערְן אַלֶע שִׂיחוֹת, אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט; ווַייל נָאר אַזוֹי בְּלַייבְּט

מֶען פְּרִישׁ און גֶעטְרֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן, דוּ און דַיין מִשְׁפָּחָה זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְבוֹרֶכֶת, אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט חֲבוּרוֹת און הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה און הֶערְן פוּן דִיר וִוי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט עוֹסֵק זַיין אִין ׳הֲפָּצָה׳, פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס זִיסֶע עֵצוֹת, חִיזוּק און שֵׂכֶל פַאר דִי וֶועלְט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ אִים. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): ״תָּא חֲזֵי״, קוּם און זֶע, ״כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, ״גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״, דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט און עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, און דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. ״וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי״, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, ״וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְאָתֵי״, און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע

וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ ... אִין אוּמַאן עֶר זָאל צוּרִיק אָנְהֵייבְּן מַאכְן חֲבוּרוֹת - נִישְׁט אִין שׁוּל - נָאר אִין שְׁטִיבֶּער, וַוייל דִי פְרִישֶׁע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן אִין אָנְהֵייבּ אַ פַּחַד זִיךְ אַרוֹיס צוּ שְׁטֶעלְן אַלְס בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקֶוועם צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, מֶען דַארְף מַאכְן אִין שְׁטִיבֶּער, פְּרִיוַואט, אוּן אַזוֹי מְקָרֵב זַיין דִי יוּגֶנְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ, וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם, כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז פַארְשֶׁעמְט אוּן אוּנְז אָנְגֶערוּפְן 'עֵצִים יְבֵשִׁים', טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל מִיר גֶעבּוֹירְן נִישְׁט קַיין פְרִישֶׁע נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע חֲבֵרִים אִין בְּנֵי בְּרַק זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי זַאךְ פוּן הֲפָצָה, וַוייל דָאס אִיז דִי ווִילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה.

בְּנוֹגֵעַ דִי דִירָה וְכוּ'; טוּ אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, פַארְקוֹיף עֶס אוּן

קוֹיף אַ דִירָה אִין בְּנֵי בְּרַק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן נָאר אִין אֱמוּנָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים וִוי אַזוֹי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, גַּם כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֶוייטָאג אוּן יִסּוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם", אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", לֶעבְּט נִישְׁט, דָאס לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט קַיין לֶעבְּן. "כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת", וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, "כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל", עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ

טְרֵייסְטְן, "מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - "וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, "מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", וַוייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס.

לֵיין דִי בְּרִיוּו נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### יֶעדֶער בָּחוּר זָאל בַּאקוּמֶען דָאס מֶערְסְטֶע וַוארֶעמְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ - שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן אַלֶע גַּבָּאוּת אוּן אַלֶע עַסְקָנוּת וְכוּ' אוּן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן נָאר אִין דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טְרֶעפְן אַ נֵייעֶר גַבְּאַי זָאל הֶעלְפְן מִיט אַפּוֹינְטְמֶענְטְס, מִיט מַאכְן סֵדֶר אוֹיפְצוּנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן יֶעדֶע זוּנְטָאג וְכַדוֹמֶה, אִיךְ וִויל פוּן דִיר אֵיין זַאךְ - נָאר דִי יְשִׁיבָה; יֶעדֶער בָּחוּר זָאל בַּאקוּמֶען דָאס מֶערְסְטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט, סְפֶּעצִיעֶל דִי קִינְדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן, אַלֶע זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע צוּ וֶועלְן טוּן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט טוּן, אוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן - נִישְׁט צוּ טוּן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִדּוּשִׁין לא.): "גָּדוֹל מְצֻוֶּה וְעוֹשֶׂה", עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן הֵיילִיגֶער צוּ טוּן וָואס מֶען הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ טוּן; אוּן אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי זַאךְ צוּ הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אוּמְדִירֶעקְט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין

עַסְקָנוּת, גַּבָּאוּת אִין דִי קְהִלָּה.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זֶען אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן יֶעדְן טָאג גוֹרֵס זַיין ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, יֶעדֶער בָּחוּר זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אוּן יֶעדֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן אַ כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן אָן קַיין טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ, אָן קַיין ווִידִיאוֹ, אָן קַיין בִּילְדֶער. אִיךְ זֶע ווָאס גֵייט פָאר צְווִישְׁן דִי בָּחוּרִים, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ, מֶען טוּט זִיךְ וֵויי, מֶען כַאפְּט אָפּ אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערֶע ווִי מֶען דְרִימְלְט, ווִי מֶען עֶסְט, אוּן מֶען שִׁיקְט דָאס פַאר חֲבֵרִים, מֶען אִיז מַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים, ווָאס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא (בָּבָא מְצִיעָא נט.); אִיךְ ווִיל נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה דִי זַאכְן.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ אַז אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, אִין יְשִׁיבָה דַארְף מֶען נִישְׁט גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג אַזוֹי, נָאר בַּיים דַאוֶונֶען מוּז מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן, אוּן אוֹיךְ בַּיים קוּמֶען אוּן גֵיין.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר מֶער בַּאֲרִיכוּת, ווַייל יֶעצְט בִּין אִיךְ נָאךְ אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה אַהֵיים פוּן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נֶעכְטְן הָאט גֶעהֵייסְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ דַארְף קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הָאבּ מִיךְ אִינְזִין אִין דַיינֶע תְּפִילוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב יוֹם הַכִּיפּוּרִים, ט׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, מִיר שְׁטֵייעֶן אִין זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען גֵייט אוּנְז אָפְּשְׁרַייבְּן אַ זִיסֶע יָאר, אַ לִיכְטִיגֶע יָאר.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן צְוֵויי זַאכְן, עֶרְשְׁטְנְס דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר וֵויי גֶעטוּן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען פוּן שְׁלֶעכְטִיקַייט, אִיךְ וֶוער אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער, זַיי מִיר מוֹחֵל, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

צְוֵויטְנְס, זָאלְסְט מִיר אִינְזִין הָאבְּן אִין דַיינֶע תְּפִילוֹת, יוֹאֵל בֶּן רֵייצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען טוּן דִי שְׁלִיחוּת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ טוּן, מִיט דִי יְשִׁיבָה, מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גוּט יוֹם טוֹב, אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

דוּרְךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט מֶען זִיךְ קֶענֶען פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב יוֹם הַכִּיפּוּרִים, ט' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן מִיט דִי כַּפָּרוֹת עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם - אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ יֶעדֶע וָואךְ; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, צְוֵויי מָאל יֶעדֶע פָּסוּק חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל יֶעדֶע פָּסוּק תַּרְגּוּם - וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין טוּן דִי מִצְוָה, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער גְּרָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אוּן דָאס

גֶעֶענְדִיגְט עֶרֶב שַׁבָּת; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אַזוֹי פְּרֵייט מֶען זִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיךְ אוֹיב דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נָאךְ נִישְׁט; אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, מִיט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה - וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יא). אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (סֵפֶר רַחֲמֵי הָאָב, אוֹת לִימּוּד): "עוֹד זֹאת אוֹמֵר לִי לִבִּי עֵצָה טוֹבָה", מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר דִי וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען, "שֶׁיִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם דַף גְמָרָא וּפֶרֶק מִשְׁנָיוֹת בַּאֲמִירָה בְּעָלְמָא", זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; עֶר דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שׁוּסְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין לֶערְנֶען, אוּן עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, עֶר הָאט יֶעדֶע יָאר גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, "וְהָיָ' צֶלֶם אֱלֹקִים עַל פָּנָיו כְּאַחַד הַגְדוֹלִים", עֶר הָאט גֶעהַאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, עֶס הָאט אִים גֶעשַׁיינְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס מֵיינְסְטוּ, דָאס וָואס מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן טְרִינְקֶען זִיךְ אָן שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען וֶוערְט טוֹיט שִׁיכּוֹר - דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דֶער רָב טַאנְצְט מִיט דִי תּוֹרָה, דֶער דַיָּן טַאנְצְט מִיט דִי תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי תּוֹרָה אוּן מֶען לוֹיפְט צוּם טְרִינְק, מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן, נֶעבֶּעךְ נֶעבֶּעךְ... עַל כֵּן זָאלְסְטוּ יֶעצְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פֶּרֶק אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי צְוֵוייטֶע פֶּרֶק,

יֶעצְט עֶפְן אַ גְמָרָא מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן זָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַזוֹי גוּט, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן קֵיין בְּרוֹינְפְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן קֵיין וַויין, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַן אִינֶערְלִיכֶע שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אֱמֶתְ׳דִיג זַאט, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי מַמְשִׁיךְ זַיין יֶעדְן טָאג פוּן יָאר - וֶועסְטוּ קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶענֶען טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אַ גוּט יוֹם טוֹב, אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּנֶעם פְּרִיוַואטְן גָלוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב יוֹם הַכִּיפּוּרִים, ט׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ז לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ זִיס יָאר פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ וִויל בַּאנַייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר אַזוֹי וִוי אַמָאל, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וִויל מֶער הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִיר.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָדוֹשׁ, יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, הַקָפוֹת - אִיז דָא אַ הֵיילִיגְקֵייט אוּן אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ פַאר יֶעדְן אִיד זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת וואוּ עֶר אִיז פַארְכַאפְּט, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְכַאפְּט אִין קוּקְן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה, וָואס בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן דֶעם, נָאר דוּרְךְ וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן זֵיי; זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיין נְשָׁמָה? וָואס וֶועט זַיין מִיט

מַיינֶע דוֹרוֹת? אִיךְ בִּין אַזוֹי אָפְּגֶעקִילְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין דִי טוּמְאָה, אִיךְ קוּק אִין טֶעלֶעפָאן, אִיךְ קוּק אִין קָאמְפְּיוּטֶער, אוּן דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעקִילְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט דִי שְׁטַארְקֶקַייט דָאס אַוֶועק צוּ וַוארְפְן, עֶס צִיט מִיר אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ בִּין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם וִוי מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גְלוּ; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, אִיךְ קוּק לֵיצָנוּת, אִיךְ בִּין נִישְׁט וִוי אַמָאל, וואוּ אִיז מַיין תְּמִימוּת? וואוּ אִיז מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם? אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיר נֵס עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, אִיךְ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן", ווֹאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אַ גוּט יוֹם טוֹב, אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי ד' מִינִים, בִּיזְן פּוֹעֵל'ן אַ יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרֶב יוֹם הַכִּיפּוּרִים, ט' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ אוּן דַיין וַוייבּ הֶעלְפְן דִי קְהִלָּה, אִיךְ בִּין עֶנְק זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוּן אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי סוֹדוֹת פוּן כַּוָּנוֹת הַנַּעְנוּעִים וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט דִי ד' מִינִים זָאלְסְטוּ אִינְזִין הָאבְּן דִי "כַּוָּנוֹת הַנַּעְנוּעִים" וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען; וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ רֶעכְטְס (דָרוֹם) - זָאלְסְטוּ מְכַוֵּון זַיין: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט, אַלֶעס גֵייט רֶעכְטְס - אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ לִינְקְס (צָפוֹן) - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵיין לִינְקְס - אִיז עֶס אוֹיךְ דוּ", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקְלְסְט צוּ פָארְנְט (מִזְרָח) - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם,

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶוען אַלֶעס גֵייט וִוי גֶעפְּלַאנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט מַיין גֶעלוּנְגֶענְקַייט, נָאר אַלֶעס אִיז פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקֶלְסְט אַרוֹיף צוּם הִימְל (מַעֲלָה) - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף צוּ דִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקֶלְסְט אוֹיף אוּנְטְן (מַטָּה) - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, קוּם מִיט מִיר מִיט, לָאז מִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן גֶעפַאלְן, הֵייבּ מִיךְ אוֹיף, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקֶלְסְט אוֹיף פַארְקֶערְט (מַעֲרָב) - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען אַלֶעס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט ווִיל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי נַעֲנוּעִים מִיט דִי כַּוָּנוֹת - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַזַא שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת, אַזַא נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ פַאר דַיין זוּן אָדֶער דַיין טָאכְטֶער, אָדֶער דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין פַּרְנָסָה - זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי נַעֲנוּעִים מִיט תְּפִילּוֹת אוֹיף דִי זַאךְ וָואס דְרִיקְט דִיר יֶעצְט דָאס מֶערְסְטֶע, ווַייל מוֹהַרְנַ"ת הָאט אַמָאל מְחַזֵּק גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעדְרִיקְט פוּן אָרֶעמְקֵייט, אַז יֶעצְט זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעדְרִיקְט - אִיז דָאס דַיין אֱמֶת"; זָאלְסְטוּ שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים, אוּן וֶוען דוּ שָׁאקֶלְסְט רֶעכְטְס זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז מַיין יְשׁוּעָה אִיז אִין דִי זַייט וֶועלְט - בְּרֶענְג עֶס מִיר", אוּן וֶוען דוּ שָׁאקֶלְסְט לִינְקְס זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וואוּ אִיז דָא אַ שִׁידוּךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? אוֹיבּ אִיז עֶס אִין דִי זַייט וֶועלְט בְּרֶענְג עֶס אוּנְז, אוּן אַז מַיין פַּרְנָסָה אִיז בַּיי דִי זַייט וֶועלְט בְּרֶענְג עֶס צוּ מִיר".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט וֶוען דוּ הַאלְסְט דִי ד' מִינִים אִין דִי הַאנְט, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, צִי אַרָאפּ דִי טַלִּית אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וֵויינְט צוּ אַ טַאטֶע, אוּן קְרֶעכְץ אַרוֹיס אַפָּאר

אֶמֶת'ע וֶוערְטֶער פוּן הָאָרֶץ, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וואוּ אִיז מַיין פַּרְנָסָה? אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַהֵיים גֵיין, מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן אִיךְ זָאל אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי זֵיי בְּרֶענְגֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי אַהֵיים גֵיין".

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְקְרֶעכְצְן אוֹיף קִרְבַת אֱלֹקִים, אוֹיף דַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי ד' מִינִים פוּן הַאנְט ווִילַאנְג דִי פּוּעֶל'סְט דַיין יְשׁוּעָה, וַוייל דִי ד' מִינִים זֶענֶען אַזוֹי ווִי גֶעוֶוער. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקּוּן יג, דַּף כט.), נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר ווִילְן אַלֶע ווִיסְן 'מַאן נָצַח' וֶוער הָאט גֶעווּאוּנֶען - אִידִישֶׁע קִינְדֶער אָדֶער דִי סִטְרָא אַחֲרָא? זָאגְט דֶער זוֹהַר מֶען קוּקְט 'מַאן דְאָחִיד מָאנֵי קְרָבָא בִּידֵיהוּ', וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין הַאנְט, אוּן אַז מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּמֶען סוּכּוֹת מִיט דִי ד' מִינִים וָואס אִיז ווִי גֶעוֶוער - ווֵייסְט מֶען אַז דִי אִידְן הָאבְּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְּרֶעגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת ז, נד), מִיר ווֵייסְן דָאךְ פַּארְקֶערְט, וָואס אִיז דִי סִימָן אַז מֶען הָאט מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען אַ מִלְחָמָה? וֶוען מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דִי גֶעוֶוער, אוּן אַז מֶען זֶעט סָאלְדַאטְן הַאלְטְן נָאךְ גֶעוֶוער אִיז דָאס אַ בַּאוַוייז אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען דִי מִלְחָמָה, אִיז וָואס זָאגְט דֶער זוֹהַר אַז דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער דֶער הָאט מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען? זָאגְט רֶבִּי נָתָן, דִי מִלְחָמָה מִיט דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז אַנְדֶערְשׁ ווִי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, בַּיי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה צְווִישְׁן לֶענְדֶער לֵייגְט דֶער מְנַצֵּחַ אַרָאפּ דִי גֶעוֶוער, עֶר דַארְף מֶער נִישְׁט הַאלְטְן גֶעוֶוער, אָבֶּער בַּיי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר וָואס צִיט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אִיז פַּארְקֶערְט, נָאר דֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי גֶעוֶוער - דֶער אִיז דֶער מְנַצֵּחַ; דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, עֶס אִיז אַרִיבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַז מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען וַוייטֶער דָא מִיט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, זֵיי קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דִי ד' מִינִים, וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן: "הוֹשַׁעְנָא הוֹשַׁעְנָא, הֶעלְף הֶעלְף" - וֶועט דֶער שָׂטָן זֵיי נִישְׁט קֶענֶען מְנַצֵּחַ זַיין.

דָאס זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין ווִילְן צוּ זַיין גוּט, דוּ וֶועסְט צוּרִיק קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אִים בֶּעטְן: "קָרְבֵנוּ לְתוֹרָתֶךָ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לַמְּדֵנוּ מִצְוֹתֶיךָ, אִיךְ וִויל טוּן דַיינֶע מִצְוֹת, הוֹרֵנוּ דְרָכֶיךָ, וַוייז מִיךְ דִי אֱמֶת'ע וֶועג, הַט לִבֵּנוּ לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, בֵּייג מַיין הַארְץ צוּ דִיךְ, וּמֹל אֶת לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָתֶךָ, אוּן שְׁטָאפּ אוֹיף מַיין הַארְץ אִיךְ זָאל נָאר דִיךְ לִיב הָאבְּן" - בִּיסְטוּ אַ גֶעוִוינֶער, אוּן דֶער שָׂטָן מִיט דִי קְלִיפּוֹת וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען מְנַצֵּחַ זַיין.

אַ גוּט יוֹם טוֹב, אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִיךְ בִּין אַן אַיינְגֶעפַאלֶענֶע סֻכָּה, בּוֹי מִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וֶוען דוּ זִיצְט אִין דִי סוּכָּה זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דַיין קָאפּ, קוּק אַרוֹיף; וָואס זֶעסְטוּ? סְכַךְ, וָואס אִיז סְכַךְ? פוּן וָואס מַאכְט מֶען סְכַךְ? וֶועסְטוּ זֶען אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט סְכַךְ - נִישְׁט פוּן זִילְבֶּער, נִישְׁט פוּן גָאלְד, נָאר פוּן 'פְּסוֹלֶת גֹּרֶן וְיֶקֶב', פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע צְוַוייגְלֶעךְ אוּן אִיבְּרִיגֶע שָׁאלַאכְטְס וָואס מֶען וַוארְפְט גֶעוֶוענְלִיךְ אִין מִיסְט, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן דֶערְפוּן, מִיט דֶעם מַאכְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סוּכָּה; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ אַיינֶער וָואס עֶר שְׁפִּירְט אִיבְּרִיג, עֶר זֶעט זִיךְ וִוי פְּסוֹלֶת... עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז אָפְּפַאל, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דָאךְ אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, עֶר וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן זַיין גוּטֶע וִוילְן אוּן עֶר וֶועט זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה

ווערט בַּיי אִים רוּעֶן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, ווען דוּ זִיצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, ווערט דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְן דִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, עֶר ווערט דִיךְ מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זָאג אַפָּאר ווערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין 'פְּסוֹלֶת גּׂרֶן וְיֶקֶב', אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט ווערְד, אִיךְ בִּין אַזוֹי נִידְרִיג, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אָבֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טִיף אִין מַיין הַארְץ וִויל אִיךְ זַיין גוּט, טִיף אִין מַיין הַארְץ וִויל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל דַאוְונֶען, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען אוּן טוּן דִי מִצְוֹות, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'וְתָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִד הַנּׂפֶלֶת', בּוֹי צוּרִיק אוֹיף מַיין סוּכָּה, מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַן אַיינְגֶעפַאלֶענֶע סוּכָּה, בּוֹי מִיךְ אוֹיף, מַאךְ פוּן מַיין פְּסוֹלֶת אַ כְּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דִינֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן גְרוֹיס פְרֵייד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן דִיר פוּן טוֹיזְנְט דָאלֶער מִיט דִי קְווִיטְל, דִי נֶעמֶען פוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק ווערְן אַלֶע דִינִים פוּן דִיר, פוּן דַיין וַוייבּ מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

ווען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹות פוּן סוּכָּה אוּן פוּן שָׁאקְלֶען דִי ד' מִינִים, אוּן ווען מֶען זִיצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה דַארְף מֶען

גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִיצְט אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּצֵל הָאֱמוּנָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט אִיז אֱלֹקוּת, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס, אַלֶעס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט, אָבֶּער אַלֶעס אִיז נָאר עֶר, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, וַוייל דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל אוֹיף אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כג, מב-מג): "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים... לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם", אַז מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער מִיט דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ, יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִיר אוּן פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה - אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט גוּטְס. וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶס גֵייט אִים וִוי אַזוֹי עֶר וִויל - אִיז דָאךְ גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, עֶר הָאט וֵוייטָאג אוּן יִסּוּרִים - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, וַוייל אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים - מוּז זַיין אַז אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה. "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל", אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אִיז אִים דָאס לֶעבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט עֶר גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה, מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ", אָבֶּער מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס.

וֶוען דוּ בִּיסְט אִין דִי סוּכָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיס׳מָשָׁל׳ן וִוי דוּ בִּיסְט יֶעצְט פְּרִיוַואט, דוּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דוּ הָאסְט יֶעצְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ רֶעדְן פְּרִיוַואט; זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט אִין דִי תְּפִילָה בַּיים אַרַיינְגֵיין אִין דִי סוּכָּה: "וְתִתֶּן לִי זְכוּת לָשֶׁבֶת וְלַחֲסוֹת בְּסֵתֶר צֵל כְּנָפֶךָ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ זָאל אַלֶץ שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, וִוי אִיךְ זִיץ אוּנְטֶער דַיין שָׁאטְן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט חַנְפֶ׳עֶנֶען קֵיינֶעם, אִיךְ וֶועל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ וֶועל ווִיסְן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, אַלֶעס אִיז פוּן דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## פְרֵיילִיךְ אִין דִי סֻכָּה, פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, דְרִיטֶע אוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר שְׁטֵייעֶן שוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶס קוּמְט שוֹין דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת; יֶעדֶע מָאל דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה זָאלְסְטוּ אַיינְלַאדֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, קד.) אַז דִי אוּשְׁפִּיזִין קוּמֶען נָאר אַז מֶען רוּפְט זֵיי; זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי", אִיךְ לַאדְן עֶנְק אַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אִין דִי סוּכָּה, "אוּשְׁפִּיזִין עִילָּאִין", דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט, "אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד", אוּן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דַיין סוּכָּה, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט

אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אַז דִי סוּכָּה אִיז קְלֵיין, מֶען זִיצְט צַאמְגֶעשְׁטוּפְּט אוּן עֶס גִיסְט זִיךְ אוּן עֶס טוּט זִיךְ - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, גֶעדֶענְק וֶוער עֶס זִיצְט נֶעבְּן דִיר, גֶעדֶענְק אַז דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט זֶענֶען דָא, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט בַּיי דִיר אִין סוּכָּה דַיין רָב אָדֶער דַיין דַיָּן - וָואלְסְטוּ גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, עֶס גִיסְט זִיךְ אוּן עֶס טוּט זִיךְ וכו' - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוארְפְן אַ זַאךְ פוּן כַּעַס, אָדֶער צֶעבְּרֶעכְן אַ זַאךְ פוּן כַּעַס, עס שְׁטֵייט אִין זֹהַר (פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, רסג:) אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ - וֶוען עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף - וַוארְפְט עֶר אַ זַאךְ אָדֶער עֶר צֶעבְּרֶעכְט אַ זַאךְ - זֶענֶען דָא מַלְאָכִים סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם, זֵיי נֶעמֶען דִי זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשְׁן הָאט גֶעוָוארְפְן אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען דָאס אִין הִימְל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "קוּק, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קה:): "כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", וֶוער עֶס אִיז בְּכַעַס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַעַס, נִישְׁט וַוארְפְן קֵיין זַאכְן, נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן קֵיין זַאכְן; הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל וֶוען טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען בְּכַעַס גֵייעֶן דִי קִינְדֶער צוּגְרוּנְד, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט חָרוּב.

הַיינְטִיגֶע טֶעג דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג; וַוייל אַמָאל אִיז גֶעוֶוען נִסְיוֹנוֹת פוּן מַשְׂכִּילִים, מְחַקְרִים וְכוּ', הַיינְט אִיז נִישְׁטָא דִי נִסְיוֹנוֹת, הַיינְט אִיז דִי נִסָּיוֹן אַז מֶענְטְשְׁן ווילְן לִיבְּשַׁאפְט, מֶענְטְשְׁן ווילְן וַוארֶעמְקֵייט, אוּן אַז קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דָאס נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ - זוּכְן זֵיי דָאס בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; אוּן כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹות, עֶס קוּמְט שַׁבָּת, עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב - מוּז מֶען דָאס מַאכְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס וֶועלְן, קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיסְקוּקְן אוּן פְרֶעגְן: "וֶוען קוּמְט שׁוֹין יוֹם טוֹב? וֶוען קוּמֶען שׁוֹין דִי טֶעג וָואס עֶס גֵייט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אִין

שְׁטוּב ?״ אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס אָנְהַאלְטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

# מהדורת זוסמאן

## הספר הקדוש הזה נתנדב
## לזכות

מוה"ר **בנימין זאב זוסמאן** הי"ו

וזוגתו **לאה אידל** תחי'

ובנם

**יצחק ראובן**

שיחי'

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון